# גליון היכל הקודש

וועכענטליכע גליון ארויסגעגעבן דורך
מוסדות היכל הקודש ברסלב וויליאמסבורג
נתייסדה ע"י כ"ק מרן מוהרא"ש זי"ע


**זמנים (NYC)**
הדלקת הנרות.................6:45
מוצאי שב"ק.....................8:14

**שיעורים כסדרן**
נ"ך.................שמואל-ב' ג'-ד'
בבלי......................כתובות ע"ג
ירושלמי..........עבודה זרה י"ג
תוספתא...............מעשרות א'
רמב"ם.....................מכירה י"ד


פרשת כי תבא, כ"א אלול, אבות פרק ג'-ד', שנת תשפ"ב לפ"ק — שנה 11, גליון 55 (570)


# גדולי הרבנים פסק'ענען אז מען קען פארן דאס יאר אויף ראש השנה קיין אומאן

## פסק הלכה פון בית דין צדק קארלסבורג

*"אויך היי יאר פארסטו קיין אומאן אויף ראש השנה?! עס איז דאך א מקום סכנה, ווי אזוי מעג מען זיך ארייגלייגן אין א סכנה? מילא יעדעס יאר, שוין, אבער דאס יאר איז דאך געפערליך!"* - דאס הערט מען פון מענטשן וואס האבן פאריאר און אלע יארן אויך פארפירט אז מען זאל נישט פארן קיין אומאן, נאר דעמאלט מיט אנדערע תירוצים, און דאס יאר האבן זיי זיך געטראפן מיט'ן וויסן יצר הרע, דער ס"מ מיט'ן פרומען לבוש, אז סתם אזוי וואלט מען אפשר יא געדארפט פארן, אבער דאס יאר טאר מען דאך נישט פארן, עס איז דאך ממש א סכנה, עס איז אסור על פי הלכה...

דער הייליגער רבי האט געזאגט אז זיין ביי אים אויף ראש השנה איז די גרעסטע זאך וואס איז נאר שייך, יעדער דארף קומען צו אים אויף ראש השנה, קיינער טאר נישט פעלן, נישט נאר זיינע מענטשן זענען אנגעוואנדען אין זיין ראש השנה, נאר די גאנצע וועלט איז תלוי אין רבינ'ס ראש השנה, אום ראש השנה מאכט דער רבי אזעלכע גרויסע תיקונים וואס מיר קענען גארנישט באגרייפן, און ווער עס איז זוכה צו זיין ביי אים אויף ראש השנה דארף זיין זייער פרייליך אויף די געוואלדיגע זכי' צו וואס ער האט זוכה געווען, און ער וועט זיכער ווערן אנגעשריבן צו זיס ליכטיג יאר ברוחניות ובגשמיות.

מיר גלייבן אין הייליגן באשעפער, און מיר גלייבן אז דער אייבערשטער האט אונז געשיקט צדיקים וואס זאלן אונז ווייזן דעם וועג אין לעבן, אונז ווייזן דער ריכטיגן תורה וועג, מיר גלייבן אין הייליגן רבי'ן וואס האט אונז באלאכטן די אויגן, אונז אויפגעוועקט פון שלאף און אונז געברענגט צום אייבערשטן, און דעריבער פאלגן מיר וואס דער רבי האט געהייסן, מיר פארן צו אים אויף ראש השנה, און מיר באקומען די געוואלדיגע השפעות און תיקונים וואס דער הייליגער רבי האט מבטיח געווען פאר די אלע וואס קומען צו אים.

ווי גרעסער און חשובער א זאך איז, אלץ מער שטערונגען און מניעות וועט דער יצר הרע אונטערשטעלן עס אוועקצונעמען פון אונז. אז דער רבי האט געזאגט אז זיין ראש השנה איז גרעסער פון אלעס, שטייט דער ס"מ פון די אנדערע זייט און פרובירט מיט די גרעסטע כוחות עס צו שטערן אויף אלע סארט אופנים, סיי בפרטיות וועט ער זיך פארלייגן אויף יעדן מענטש באזונדער מיט אלע סארט פערזענליכע מניעות אז ער זאל נישט פארן קיין אומאן, און סיי בכלליות וועט ער איבערדרייען די וועלט אז עס זאל זיין שווער אנצוקומען קיין אומאן אויף ראש השנה.

אבער דער הייליגער רבי האט געזאגט אז ווי שטערקער עס איז די מניעות, אלץ מער ווערט אנגעצינדען דער חשק אז מען וויל דוקא יא אויספירן און טון נאר וואס איז ריכטיג צו טון, און דעריבער קוקט מען נישט אויף די אלע שטערונגען, מען שטרענגט זיך אן מיט אלע כוחות יא אנצוקומען צום הייליגן רבי'ן אויף ראש השנה.

מיר אידן האבן א תורה, מיר האבן א שלחן ערוך וואס איז אונזער וועג וויזער, מיר נעמען נישט קיין פסקים און הדרכות פון די רעגירונג ווי אזוי צו פירן אונזער לעבן ווען עס קומט צו רוחניות'דיגע אנגעלעגנהייטן, נישט ווען עס קומט מחנך צו זיין אונזערע קינדער, און נישט ווען עס קומט צו וואו עס איז ראטזאם צו פארן. אזוי ווי עס איז דא יעצט א מצב מלחמה אין אוקריינא, האט מען אנגעפרעגט ביי די גדולי הרבנים וואס דער דעת תורה איז אויף אזא פאל, אויב מעג מען פארן היי יאר קיין אומאן, אדער הייסט עס א מקום סכנה און מען טאר זיך נישט ארייגלייגן אין א סכנה.

די חשובע רבנים און פוסקים פון די עדה החרדית, און נאך פילע רבנים, האבן זיך ארייגעלייגט אין די נושא, סיי אין די חלק פון די מציאות וואס קומט יעצט פאר אין אומאן און אין גאנץ אוקריינא און סיי אין די חלק ההלכה, און זיי זענען ארויסגעקומען מיט א קלארע פסק הלכה, אז אזוי ווי די שטאט אין אומאן און די גאנצע אומגעגענט ארום איז בכלל נישט קיין מקום סכנה, קען מען רואיג פארן קיין אומאן אויף ראש השנה, בלי שום פקפוק.

מען הערט צוריק פון גאר אסאך אידן וואס זענען געווען אין אומאן אין די לעצטע חדשים, ווי אויך די אידן וואס וואוינען דארט א גאנץ יאר, און די אידן וואס געפונען זיך שוין דארט צו בלייבן אויף ראש השנה, זאגן אלע פה אחד אז דער מצב דארט איז זייער רואיג אזוי ווי אלע יארן, מען זעט נישט און מען שפירט קיין שום מצב מלחמה דארט, אלעס גייט אן ווי געהעריג בעז"ה.

<<<<<<

# מוֹהַרָא"שׁ דֶערְצֵיילְט

## דֶעם גְרֶעסְטְן לוֹיעֶר

דָאס וָואס דוּ פְרֶעגְסְט מִיר, פַארְוָואס מֶען דַארְף פָארְן צוּם הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן אוֹיף רֹאשׁ הַשָּׁנָה, מוּז אִיךְ דִיר זָאגְן, עֶס אִיז נָאכְנִישְׁט גֶעוֶוען אַ צַדִיק בָּזֶה הָעוֹלָם וָואס זָאל מַבְטִיחַ זַיין אַזַא הַבְטָחָה וִוי דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי, וָואס עֶר הָאט בְּפֵירוּשׁ גֶעזָאגְט, אַז וֶוער סְ'גְלֵייבְּט אִין מִיר זָאל קוּמֶען צוּ מִיר אוֹיף רֹאשׁ הַשָּׁנָה, אוּן אוֹיסֶער דֶעם זָאל עֶר מַאכְן אַ כְּרוּז עֶר זָאל אוֹיסְרוּפְן אַז וֶוער סְ'ווִיל הָאבְּן אַ גוּט גֶעבֶּענְטְשְׁט יָאר זָאל קוּמֶען צוּם צַדִיק רֶבִּי נַחְמָן זי"ע אוֹיף רֹאשׁ הַשָּׁנָה, אוּן אוֹיבּ אֵיינֶער אִיז גֶעוֶוען בַּיי אִים אוֹיף רֹאשׁ הַשָּׁנָה מֶעג עֶר זִיךְ פְרֵייעֶן אַ גַאנְץ יָאר.

מֶען זֶעט אוֹיבּ אֵיינֶער הָאט אַ מִשְׁפָּט, וָואס טוּט עֶר? עֶר זוּכְט אַ לוֹיעֶר, אוּן וָואס מֶער דִי מִשְׁפָּט אִיז הַארְבֶּער זוּכְט עֶר אַ גְרֶעסֶערְן לוֹיעֶר, חָלִילָה וְחַס אַז מֶען הָאט אִים בַּאשְׁטִימְט טוֹיט שְׁטְרָאף, זוּכְט עֶר דֶעם גְרֶעסְטְן לוֹיעֶר וָואס עֶס אִיז נָאר דָא אִין דֶער וֶועלְט, עֶר קוּקְט נִישְׁט אוֹיף גֶעלְט, עֶר קוּקְט נִישְׁט אוֹיף זַיין וַוייבּ אוּן אוֹיף זַיינֶע קִינְדֶער, אוּן אוֹיף זַיין טַאטְן אוּן אוֹיף זַיין בְּרוּדֶער אוּן אוֹיף זַיין שְׁוֶועסְטֶער, "סְ'אִיז מַיין לֶעבְּן", עֶר פַארְקוֹיפְט אַלֶעס וָואס עֶר הָאט אוּן עֶר כַאפְּט אוּן פְלִיט צוּ דֶעם גְרֶעסְטְן לוֹיעֶר, אוּן עֶר בֶּעט זִיךְ אֶפְשָׁר אֶפְשָׁר קֶענְסְטוּ מִיךְ רַאטֶעוֶוען פוּן טוֹיט.

דָא אִיז דָא אַ צַדִיק, דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי וָואס עֶר הָאט צוּגֶעזָאגְט, אַז וֶוער עֶס וֶועט קוּמֶען צוּ אִים אוֹיף רֹאשׁ הַשָּׁנָה אִיז עֶר מַבְטִיחַ אַז עֶר זָאל

<<<<<<

# א גוט ווארט

גְלַייךְ אִינְדֶערְפְרִי וֶוען דוּ שְׁטֵייסְט אוֹיף, נָאכְ'ן אָפְּגִיסְן נֶעגְל וַואסֶער, נָאכְ'ן זָאגְן מוֹדֶה אֲנִי, זָאלְסְטוּ זִיךְ אִיבֶּערְגֶעבְּן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן: "רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם, אִיךְ גֶעבּ זִיךְ אִיבֶּער צוּ דִיר; מִיךְ, מַיין וַוייבּ, מַיינֶע קִינְדֶער אוּן אַלֶעס וָואס אִיז תָּלוּי אִין מִיר. אִיךְ זָאל נָאר טוּן דַיין ווִילְן, אִיךְ זָאל חַס וְשָׁלוֹם נִישְׁט טוּן עֶפֶּעס קֶעגְן דַיין ווִילְן, אִיךְ זָאל נִישְׁט פּוֹגֵם זַיין - נִישְׁט מִיט דִי אוֹיגְן, אוֹיעֶרְן, נָאז אוּן מוֹיל, אוּן אִיךְ זָאל טוּן הַיינְט נָאר גוּטְס". קֶענְסְט זִיךְ נִישְׁט פָארְשְׁטֶעלְן דָאס גְרוֹיסְקֵייט פוּן דִי פָּאר וֶוערְטֶער, דָאס טוּט אוֹיף סֵיי אִין הִימְל אוּן סֵיי אוֹיפְ'ן מֶענְטְשׁ; אַלֶעס אִיז אַנְדֶערְשׁ, מֶען וֶוערְט צוּגֶעקְלֶעבְּט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן. דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א', סִימָן עח), רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן גֵייט מִיט מִיטְ'ן מֶענְטְשׁ - אַזוֹי וִוי אַ מַאמֶע גֵייט מִיטְ'ן קִינְד, אֲפִילוּ דָאס קִינְד אִיז פַארְשְׁמִירְט אוּן עֶס הָאט אַ גֶערוּךְ - וֶועט זִי נִישְׁט אָפְּלָאזְן דָאס קִינְד, אַזוֹי אוֹיךְ, דָאס רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן גֵייט מִיטְ'ן מֶענְטְשׁ, אֲפִילוּ מֶען אִיז אוֹיסְגֶעלָאשְׁן, אַרָאפְּגֶעפַאלְן, נִידְרִיג, וַוייט, אַ דוּרְכְפַאל - קֶען מֶען נָאכְאַלְץ רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוּן אִים בֶּעטְן: "רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם, קָרְבֵנוּ לַעֲבוֹדָתֶךָ, בְּרֶענְג מִיךְ צוּ דִיר, דֶערְנֶענְטֶער מִיךְ צוּ דִיר".

(עֲצָתוֹ אֱמוּנָה שׁוֹפְטִים תשפ"ב)

<<<<<< פסק הלכה

דעריבער וועלן מיר אלע זיך אויפהויבן מיט'ן אייבערשטנ'ס הילף און פארן צום הייליגן רבי'ן אויף ראש השנה, און אויס'פועל'ן א גוט געבענטשט יאר, א כתיבה וחתימה טובה, פאר זיך, פאר די גאנצע משפחה, און פאר גאנץ כלל ישראל.

פארשטייט זיך אז מען דארף אויספאלגן די ארטיגע געזעצן, נישט צו ווערן פארפלאנטערט מיט די לאקאלע רעגירונג. פון 11 ביינאכט ביז 5 פארטאגס טאר מען נישט זיין אויפ'ן גאס, ווי אויך דארף מען אלץ האבן מיט זיך דעם פאספארט.

דאס האט געברענגט נאך אן הלכה'דיגע שאלה, אזוי ווי א פאספארט איז דאך מוקצה, צי מען מעג זיך דרייען דערמיט אין טאש אום שבת ויום טוב ווען מען געפונט זיך אין אומאן. אלס די שאלה פון טראגן איז נישט קיין פראבלעם, ווייל אזוי ווי אלע יארן וועט דאס יאר אי"ה אויך זיין צוגעשטעלט די מהודר'דיגע עירוב ארום גאנץ אומאן, אבער אלס די שאלה פון מוקצה האט מען אנגעפרעגט די חשובע רבנים איבער דעם, און זיי האבן ארויסגעגעבן זייער פסק אז מען מעג טראגן מיט זיך דעם פאספארט.

פארגאנגענע וואך איז נתפרסם געווארן אינעם "קרית ברסלב" צייטונג, דער פסק הלכה פון הרה"ג ר' יונה זינגער שליט"א, דומ"ץ קרית ברסלב ליבערטי, אז מען מעג טראגן מיט זיך דעם פאספארט, און די וואך איז ארויסגעקומען דער פסק הלכה פון בד"ץ קארלסבורג, אין וואס דער פאטער פונעם ראש ישיבה שליט"א, הגה"צ מקארלסבורג שליט"א איז מברר עפ"י הלכה אז מען מעג טראגן מיט זיך דעם פאספארט פאר דעם צורך צו ווייזן פאר די פאליציי ווען עס פעלט זיך אויס, וליתר שאת לייגט ער צו אז מען זאל אריינלייגן א קליינעם תיקון הכללי אין דעם פאספארט. [זע בייגעלייגט די תשובה להלכה].

דער אייבערשטער זאל העלפן מיר זאלן אלע זוכה זיין צו זיין ביים הייליגן רבי'ן אויף ראש השנה, זוכה זיין צו די אלע תיקונים וואס דער הייליגער רבי מאכט מיט אונז און מיט די גאנצע וועלט, און ווערן אנגעשריבן בספרן של צדיקים מיט א גוט געבענטשט יאר.

**לשנה טובה תכתבו ותחתמו לאלתר לחיים טובים ולשלום!**

משה רוטה
אבדק"ק קארלסבורג
בארא פארק ברוקלין נ.י. יע"א

RABBI M. ROTH
1556-53RD STREET
BROOKLYN, N.Y. 11219
TEL: (718) 753-3613

להי"ו

**עש"ק לסדר וקמת ועלית אל המקום ו' אלול תשפ"ב לפ"ק**

**פעיה"ק מירון מקום מנוחת רשב"י ור"א בנו זיעועכי"א**

**כבוד בני בכורי הגה"צ רבי יואל שליט"א ראש ישיבת תפארת התורה ברסלב יצ"ו**

אודות מה שבקשת שאחווה דעתי בענין מה שיהי' בזה צורך רבים כדלהלן!

שאלה! בעיר אומאן במדינת אוקריינא שרבים מאחינו בנ"י נוסעים לשם על ר"ה, ומחמת מצב המלחמה מוכרח כל אחד המסתובב בחוץ להיות בכיסו הפאספארט, מה הדין לגבי שבויו"ט.

תשובה! הנה אם הי' השאלה בשביל איסור הוצאה הי' קשה עלי להתיר, דאע"פ דבסי' ש"א סעי' כ"ג כתב הרמ"א לגבי אותן עגולים ירוקים שגזרה המלכות שכל יהודי ישא א' מהן בכסותו, שמותר לצאת בהן אפילו אינו תפור בכסותו רק מחובר שם קצת יעיי"ש, וכן ממה שמבואר ברש"י שבת נ"א ע"ב ד"ה במה דמידי דמנטרא ביה בהמה הוי תכשיט ואורחא, ולא הוי משאוי, מ"מ התם מיירי כשחגור בו וכן עגולים ירוקים מחוברים עכ"פ קצת להבגד, ועי' מ"ב שם ס"ק פ"ג דחשיב מלבוש ועיי"ש בהנו"כ והפוסקים, משא"כ פאספארט אין גזרת המלכות שיהי' בבגד וגם אין נושאין כן תמיד, ועיי' בעמהי"ת ח"ד סי' י"ג וח"ט סי' ל"ב לענין זייגער בהוצאה, דלהתיר הוצאה צריך אחת מג' דברים שייחשב כצורך הגוף, א' לבישה ב' קישוט ג' רפואה, ובנ"ד אין אחד מאלו.

וראיתי בחלקת יעקב או"ח סי' צ"ו שרצה להתיר כעין זה מטעם הא דהט"ז שם בס"ק י"ב, מתיר לילך בשבת עם מקל בחורף על מים הנגלדים שקורין אייז, משום דבעית לילך, ודן לפ"ז דמה לי מורא שמים או מורא בשר ודם, אכן הוא בעצמו דחה לחלק דשאני מקל דחשוב לגביו כרגל שלו יעיי"ש, ובכל אופן הדבר חמור יותר להתיר ההוצאה בזה, בפרט שהרי יכול להשאר בביתו, וכפי ידיעתי הרי יש לך בהמקום אש"ל מלא עם ביהמ"ד ומקוה טהרה, ומתאים ע"ז מה שכתב אמ"ו בעמהי"ת ח"ו סי' תק"ז לגבי כהנים דאם מניעתן בהשתטחות על הציון הוא משום ציור תוהי"ק, אזי נחשב להן כאילו השתטחו יעיי"ש, אבל כ"ז אין נפק"מ דהרי כפי שאמרת יש עירוב כשר המוקף כל השטח, ואו"כ בעינן לברורי כאן רק באם איכא בזה סרך איסור מוקצה.

ובעמהי"ת ח"י סי' י"א לענין מכשיר הוואקי-טאקי לחברה הצלה ושומרים וכדו', ביאור דאפי' נומר דהוי חסרון כיס, מ"מ כיון שנצרך להן כמה פעמים ביום לצורך פקו"נ, הוי ככלי המיוחד לצורך היתר, ולפי מה שמבואר ח"ב סי' י"ג הלא אין בכלי היתר משום מוקצה מחמת חסרון כיס, ומש"כ המג"א בסי' ש"ח ס"ק י' דנייר מיחשב כח"כ, כבר אמרו דבזמנינו אינו חשוב, וגם אמ"ו ז"ל שכ' דדרוקסורט לעדר-העד מיחשב ח"כ, כ"ז הוא לפני שנים רבות, ולא בזמנינו דמצוי ושכיח בניקל לעשות קאפיס, ועוד י"ל דכשחוק המלכות מחייב לשאתו וכשימצאוהו כשאין עמו ענוש יענש, ודאי לא גרע מלצורך גופו שצריך לעצם הטלטול, וזהו תכליתו שיהיה עמו, אכן במחמת ח"כ לא שרי לצורך גופו"מ.

ולכאורה איכא לסמוך ג"כ מהא דבסי' של"ד סעיף ב', דלספר התרומה סי' רכ"ו במקום פסידא אין לחוש לאיסור מוקצה, ושרי לטלטל מעות להציל מאנסים, ואף דבמג"א שם ס"ק ג' כ' דדייקא כשהדבר בהול וחיישינן שיבוא לידי איסור דאורייתא, אכן אפשר דגם בנ"ד יוכל לבוא ע"י המניעה לקצת סכנה.

ובעיקר מה שנ"ל בזה ההיתר הוא, דכל הני דמצינו בהו מוקצה מחמת חסרון כיס, הוא בדברים דקפדי עלייהו משום דמיפגמי ומקצה להו בידים, ועיי' שבת קכ"ג בתוד"ה וסכינא דסכין ששוחטין בה שמקפיד שלא תיפגם, והיינו שמחמת התשמיש עלולים להתקלקל, וכן הניירות דהבאנו לעי' הוא משום שיקרעו וכדו', אבל הא שמתיירא שלא יאבד מחמת יקרותו זה לא מיחשב ח"כ, ובכן כאן בפאספארט שאינו נפחת ועשוי לכאין בו משום ח"כ.

ולכל היותר אף שאין לנו להוסיף ולומר על כל דבר שאית ביה זילזול שבת, עכ"ז עצתי אמורה בזה שישימו בו קונטרס קטן של עשרה קאפיטלעך, באופן שהפאספארט יהי' לו ככיס ונרתיק, ואולי יהי' ג"כ מיחשב כקמיעה דאיתמחי להנצל ממקרים רעים, ועיין בתשו' מהרש"ל סימן מ"ז, לענין קמיעות שאינן מומחין כלל אפי' לענין הוצאה, דה"ה לכל הקמיעות שעושין מפני דאגת המזיקין ורו"ר דשכיחי לפגוע דשרי, ובפרט לדידן דלית לן רה"ר מותר לצאת כיון שאין בה חיוב חטאת עיין שם, ובכן שפיר יכולין באופן זה לטלטל בהכיס הפאספארט, וקורא אני עליהן שצדיקין נחתמין לאלתר, דכל אותן שהן טפלים ודביקים בצדיקי אמן נחתמו כבר לשנה טובה ומבורכת אס"ו.

**הכו"ח אביך המעתיר בעדך כל הימים**

**הק' משה רוטה**

<<<<<< מוֹהֲרָא"ש דֶערְצֵיילְט

הָאבְּן אַ גוּט גֶעבֶּענְטְשְׁט יָאר, אִיךְ הַאפְּט פַּאר אִים אַז עֶר וֶועט הָאבְּן אַ גֶעזוּנְט יָאר, אַ פַּרְנָסָה'דִיג יָאר, אוּן עֶר וֶועט הָאבְּן וָואס עֶר וֶועט בֶּעטְן.

מִיר זֶעעֶן וָואס עֶס גֵייט אִיבֶּער אוֹיף דֶער וֶועלְט, לֵיידֶער אִיז נִישְׁטָא קַיין טָאג וָואס מֶען זָאל נִישְׁט הֶערְן קַיין אוּמְגְלִיקְן, לֵיידֶער הֶערְן מִיר שְׁרֶעקֶעדִיגֶע גֶעשֶׁעעֶנִישְׁן וָואס הָאט פַּאסִירְט: מֶענְטְשְׁן זֶענֶען דֶערְטְרָאנְקֶען גֶעוָוארְן, מֶענְטְשְׁן זֶענֶען פַאַרְבְּרֶענְט גֶעוָוארְן, מֶענְטְשְׁן זֶענֶען אוּמְגֶעקוּמֶען מִיט פַּארְשִׁידֶענֶע מַחֲלוֹת מִיט חֳלָאִים רָעִים; אוּן דָא אִיז דָא אַזַא רֶבִּי וָואס עֶר הָאט מַבְטִיחַ גֶעוֶוען מִיט אַ הַבְטָחָה, אַז וֶוער עֶס וֶועט קוּמֶען צוּ זַיין צִיּוּן אִין אוּמַאן אוֹיף רֹאשׁ הַשָּׁנָה וֶועט עֶר אִים טוּן אַ טוֹבָה, אוּן וֶועט אִים אַרוֹיסְנֶעמֶען פוּן שְׁאוֹל תַּחְתִּית, אִיז דֶען דָא אַ שְׁאֵלָה אַז מֶען דַארְף קוּמֶען צוּ אִים? אִיז דֶען דָא אַ שְׁאֵלָה וָואס עֶס דַארְף אָפְּהַאלְטְן?

אַוַודַאי אִיז זֵייעֶר שְׁוֶוער, אָבֶּער מֶען דַארְף וִויסְן אַז מֶען קוּמְט צוּם הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן אוֹיף רֹאשׁ הַשָּׁנָה פּוֹעֶלְ'ט מֶען דָארְטְן אַלֶע גוּטֶע זַאכְן, עֶס אִיז דָא מוֹפְתִים, מֶענְטְשְׁן וָואס דָאקְטוֹרִים הָאבְּן אָפְּגֶעזָאגְט זֵייעֶר לֶעבְּן, זֵיי זֶענֶען גֶעקוּמֶען אוֹיף רֹאשׁ הַשָּׁנָה צוּם רֶבִּי'ן, אוּן זֵיי הָאבְּן דָארְטְן זִיךְ גוּט אוֹיסְגֶעוֵויינְט, אוּן נִישְׁט אַוֶועק פוּן צִיּוּן נָאר גֶעזֶעצְן אוּן גֶעוֵויינְט אוּן גֶעבֶּעטְן אוּן גֶעבֶּעטְן אוּן גֶעוֵויינְט, זֵיי זֶענֶען צוּרִיקְגֶעקוּמֶען גֶעזוּנְט. מֶענְטְשְׁן וָואס זֵיי הָאבְּן נִישְׁט גֶעהַאט קַיין קִינְדֶער, זֵיי זֶענֶען גֶעוֶוען בַּיים הֵיילִיגְן רֶבִּינְ'ס צִיּוּן אוֹיף רֹאשׁ הַשָּׁנָה זֶענֶען זֵיי גֶעהָאלְפְן גֶעוָוארְן.

אִיבֶּערְדֶעם וֵוייס אִיךְ נִישְׁט פַארְוָואס דַארְף מֶען אָפְּהַאלְטְן פוּן קוּמֶען צוּם הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן אוֹיף רֹאשׁ הַשָּׁנָה, סְ'אִיז דָאךְ נִישְׁט גֶעוֶוען קַיין צַדִּיק אוֹיף דֶער וֶועלְט וָואס זָאל מַבְטִיחַ זַיין אַזַא הַבְטָחָה, סְ'אִיז נָאכְנִישְׁט גֶעוֶוען קַיין צַדִּיק אוֹיף דֶער וֶועלְט וָואס עֶר זָאל מַאכְן אַ דָגוּשׁ אַז מֶען מוּז קוּמֶען צוּ אִים אוֹיף רֹאשׁ הַשָּׁנָה. דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי אַלֵיין הָאט גֶעזָאגְט, "כָאטְשׁ אַנְדֶערֶע צַדִּיקִים הָאבְּן נִישְׁט מַקְפִּיד גֶעוֶוען אַז מֶען זָאל קוּמֶען צוּ זֵיי אוֹיף רֹאשׁ הַשָּׁנָה, אָבֶּער אִיךְ בִּין יָא מַקְפִּיד, אֵיי אִיז אַ קַשְׁיָא פַארְוָואס, פְרֶעגְט מֶען מְמֵילָא אוֹיף מִיר קַשְׁיוֹת, אִיז נָאךְ אַ קַשְׁיָא, אָבֶּער צוּ מִיר דַארְף מֶען קוּמֶען אוֹיף רֹאשׁ הַשָּׁנָה".

אִיבֶּערְדֶעם ווארויל אִיז דֶעם מֶענְטְשׁ וָואס עֶר פְרֶעגְט קֵיינֶעם נִישְׁט, עֶר נֶעמְט זַיין רֶענְצֶעלֶע, עֶר לֵייגְט אַרַיין דִי טַלִית אוּן תְּפִילִין, אוּן עֶסְן, אוּן עֶר פָארְט צוּם הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן אוֹיף רֹאשׁ הַשָּׁנָה. יֶעדֶער גֶעזֶעצְטֶער מֶענְטְשׁ וָואס עֶר הֶערְט דִי דִיבּוּרִים וִוי דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט אוּנְז גֶעבֶּעטְן אוּן גֶעמָאנְט אַז מֶען זָאל קוּמֶען צוּ אִים אוֹיף רֹאשׁ הַשָּׁנָה וֶועט פַארְשְׁטֵיין אַז קַיין שׁוּם אָפְּהַאלְטְ קֶען אָפְּהַאלְטְן דֶעם מֶענְטְשׁ פוּן קוּמֶען צוּ אִים אוֹיף רֹאשׁ הַשָּׁנָה, רֹאשׁ הַשָּׁנָה אִיז מֶען דָאךְ דַן דֶעם מֶענְטְשׁ אוֹיף אַ גַאנְץ יָאר, רֹאשׁ הַשָּׁנָה שְׁרַייבְּט מֶען דֶעם בּוּדְזְשֶׁעט פוּן אַ גַאנְץ יָאר; מֶענְטְשְׁן דְרֵייעֶן זִיךְ אַרוּם אַ גַאנְץ יָאר מִיט חוֹבוֹת, בְּשְׁעַת דִי חַזַ"ל זָאגְן כָּל מְזוֹנוֹתָיו שֶׁל אָדָם קְצוּבִין לוֹ מֵרֹאשׁ הַשָּׁנָה, אַלֶעס וֶוערְט אָפְּגֶעשְׁרִיבְּן רֹאשׁ הַשָּׁנָה, אוּן דָא אִיז דָא אַ הֵיילִיגֶע רֶבִּי וָואס עֶר הָאט גֶעזָאגְט, וֶוער סְ'וֶועט קוּמֶען צוּ מִיר אוֹיף רֹאשׁ הַשָּׁנָה בִּין אִיךְ מַבְטִיחַ וֶועסְט הָאבְּן אַ גוּט גֶעבֶּענְטְשְׁט יָאר, וֶועסְט הָאבְּן שֶׁפַע בְּרָכָה וְהַצְלָחָה; אִיז דֶען דָא אַ נִסָּיוֹן נָאךְ אַזֶעלְכֶע דִיבּוּרִים?

אִיבֶּערְדֶעם ווארויל אִיז דֶער מֶענְטְשׁ וָואס עֶר קוּמְט רֹאשׁ הַשָּׁנָה צוּם הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן אִין אוּמַאן, אוּן עֶר קוּקְט נִישְׁט אוֹיף קַיין מֶענְטְשׁ.

מֶען דַארְף וִויסְן אֵיין זַאךְ, רֹאשׁ הַשָּׁנָה קוּמֶען צוּזַאם צֶענְדְלִיגֶער טוֹיזֶענְטֶער אִידְן פוּן דִי גַאנְצֶע וֶועלְט, פוּן גַאנְץ אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל, פוּן גַאנְץ יוּרָאפּ פוּן גַאנְץ אַמֶערִיקֶע, פוּן גַאנְץ זִיד אַמֶערִיקֶע, פוּן סַאוּט אַפְרִיקֶע, פוּן אוֹיסְטְרַאלְיֶע, פוּן דֶעם גַאנְצְן כַּדּוּר הָעוֹלָם קוּמֶען זִיךְ צוּזַאם אִידְן, יֶעדֶער אֵיינֶער מִיט זַיין אַנְדֶערְן לְבוּשׁ, מִיט זַיין אַנְדֶערְן קוּלְטוּר, מִיט זַיין אַנְדֶערֶע אוֹיסְזֶען, אוּן מֶען דַארְף וִויסְן אַז אַלֶע קוּמֶען דָא זוֹכְה אַ תִּיקּוּן, אִיבֶּערְדֶעם דַארְף מֶען נִישְׁט שְׁפֶּעטְן פוּן קֵיינֶעם.

אוֹיךְ דַארְף מֶען וִויסְן אַז מֶען קוּמְט נָאר צוּם רֶבִּי'ן, סְ'אִיז נִישְׁטָא אַזַא זַאךְ אַז מֶען זָאל גֵיין דַאוֶונֶען אִין אַ בַּאשְׁטִימְטְן פְּלַאץ, מֶען קוּמְט צוּם הֵיילִיגְן רֶבִּינְ'ס צִיּוּן, סְ'אִיז דָא מִנְיָנִים פוּן אַלֶע חֲסִידוּת'ן פוּן אַלֶע עֵדָה'ס דָאס הָאט נִישְׁט צוּטוּן מִיטְ'ן תִּיקּוּן, דֶער תִּיקּוּן אִיז צוּ זַיין אִין אוּמַאן אִין דִי ד' אַמּוֹת בַּיים הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן אוּן דָארְטְן בֶּעטְן אוֹיף פְּרָאסְט אִידִישׁ וָואס מֶען דַארְף, אַז בִּזְכוּת דֶעם הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן וָואס עֶר הָאט צוּגֶעזָאגְט אַז וֶוער סְ'וֶועט קוּמֶען צוּ אִים רֹאשׁ הַשָּׁנָה, וֶועט עֶר אִים מְתַקֵּן זַיין מִיט אַזַא תִּיקּוּן וָואס סְ'אִיז נָאכְנִישְׁט גֶעוֶוען.

אִיךְ מֵיין אַז וֶוער עֶס הֶערְט דִי וֶוערְטֶער וָואס דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט אִיז שׁוֹין בַּיי אִים נִישְׁט קַיין שׁוּם נִסָּיוֹן, זָאל דֶער בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים הֶעלְפְן אַז דוּ זָאלְסְט קוּמֶען אוֹיף רֹאשׁ הַשָּׁנָה, זָאלְסְט נִישְׁט קוּקְן אוֹיף קַיין שׁוּם מוֹנֵעַ אוּן מְעַכֵּב, אוּן זָאלְסְט אוֹיךְ בְּרֶענְגְן מִיט דִיר חֲבֵרִים, אוּן זָאלְסְט מְפַרְסֵם זַיין דֶעם עִנְיָן פוּן רֹאשׁ הַשָּׁנָה.

עֶס אִיז דָא נָאךְ אַ נְקוּדָה, אַזוֹי וִוי עֶס קוּמֶען אַלֶע עֶרְלֵיי מֶענְטְשְׁן דַארְף מֶען וִויסְן אַז יֶעדֶער קוּמְט אוֹיף זַיין תִּיקּוּן, מֶען דַארְף זִיךְ נִישְׁט מְבַלְבֵּל זַיין פוּן אַן אַנְדֶערְן, אַזוֹי וִוי מֶען קוּמְט אִין אַ שְׁפִּיטָאל, אַ מֶענְטְשׁ הָאט צוּטוּן מִיט דִי נִירְן, אָפְּגֶעהִיטְן זָאל מֶען וֶוערְן, אוּן דֶער דָאקְטֶער הָאט אִים גֶעזָאגְט דוּ זָאלְסְט זַיין אִין שְׁפִּיטָאל אוּן אִיךְ וֶועל דִיךְ אַרוֹיסְנֶעמֶען דִי שְׁטֵיינֶער פוּן דִי נִירְן, עֶר קוּמְט אִין שְׁפִּיטָאל, זֶעט עֶר, דֶער אִיז בַּאנְדַאזְשִׁירְט דִי קָאפּ דֶער אִיז בַּאנְדַאזְשִׁירְט דִי אוֹיגְן, דֶער אִיז בַּאנְדַאזְשִׁירְט דִי הַאנְט, דֶער אִיז דִי פִּיס, דֶער הָאט אִינְטֶערְוֵוינֶעס אִין דִי הַאנְט, דֶעם גִעבְּט מֶען בְּלוּט טְרֶענְסְפְּיַאזְשֶׁען,

<<<<<<

>>>>>> מוֹהֲרָא"שׁ דֶערְצֵיילְט

טְרַאכְט עֶר וָואס הָאבּ אִיךְ דָא צוּ זוּכְן? אִיךְ הָאבּ דָא נִישְׁט וָואס אַרַיינְצוּקוּמֶען, גֶעבּ אַ קוּק וָואס דָא זֶעט זִיךְ אוֹיס, חַס וְשָׁלוֹם אַ מְשׁוּגָעִים הוֹיז, גֵייט עֶר אַוֶועק, אִיז דֶען דָא נָאךְ אַ גְרֶעסֶערֶע שׁוֹטֶה וִוי עֶר? דוּ דַארְפְסְט זִיךְ דָאךְ קוּמֶען הֵיילְן דַיינֶע נִירְן, אֵיי דוּ זֶעסְט דָארְטְן פַארְשִׁידֶענֶע עֶרְלֵיי קְרַאנְקֶע, דָאס הָאט נִישְׁט מִיט דִיר צוּטוּן, יֶעדֶער אֵיינֶער קוּמְט זִיךְ הֵיילְן זַיין מַחֲלָה.

דִי זֶעלְבֶּע זַאךְ אִיז בַּיים הֵיילִיגְן רֶבִּינְ'ס צִיוּן, אַוַודַאי זֶעט מֶען דָארְטְן אַלֶע סָארְטְן מֶענְטְשְׁן, אָבֶּער דָאס דַארְף דִיךְ נִישְׁט מְבַלְבֵּל זַיין, דוּ דַארְפְסְט קוּקְן נָאר אוֹיף דַיין נְשָׁמָה, אִיךְ דַארְף הָאבְּן אַ תִּיקוּן, וָואס הָאבּ אִיךְ מִיט אַן אַנְדֶערְן? וֶוען דֶער מֶענְטְשׁ נֶעמְט דָאס אִיז זִיךְ אַרַיין אִיז עֶר זִיךְ נִישְׁט מְבַלְבֵּל פוּן קֵיינֶעם נִישְׁט. אַוַודַאי אִיז דָארְטְן דָא אַלֶע סָארְטְן עֶרְלֵיי מֶענְטְשְׁן, אוּמְגֶעוואוּנְטְשֶׁענֶע גֶעסְט, אָבֶּער דָאס אִיז נִישְׁט אוּנְזֶער זַאךְ, רֹאשׁ הַשָּׁנָה אִיז דֶעם הֵיילִיגְן רֶבִּינְ'ס זַאךְ, וֶוער סְ'קוּמְט הָאט אַ תִּיקוּן, אוּן מְמֵילָא דַארְף אִיךְ נִישְׁט קוּקְן אוֹיף יֶענֶעם, אִיךְ דַארְף קוּקְן נָאר אוֹיף מִיר, אוֹיף מַיין וַוייבּ, אוֹיף מַיינֶע קִינְדֶער, מֶען הֶערְט נֶעבֶּעךְ אַזוֹיפִיל אוּמְגְלִיקְן יֶעדְן טָאג, רֹאשׁ הַשָּׁנָה אִיז מֶען דַן דֶעם מֶענְטְשׁ אוֹיף אַ גַאנְץ יָאר, אִיבֶּערְדֶעם וואוּיל אִיז דֶעם וָואס עֶר קוּמְט אוֹיף רֹאשׁ הַשָּׁנָה, אוּן עֶר וֶועט אַוַודַאי אוּן אַוַודַאי פּוֹעֶלְ'ן אַ גוּט גֶעבֶּענְטְשְׁט יָאר, אֲרִיכוּת יָמִים וּשְׁנַיִם, פַּרְנָסָה בְּנֵיקַל, קִינְדֶער, שִׁידוּכִים, אוּן אַלֶעס וָואס מֶען דַארְף הָאבְּן. (אַשֶׁר בַּנַחַל אִידִישׁ מִכְתָּב שמ"ב)

אַ בְּרִיוו פוּנֶעם רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א

# הַנְהָגוֹת פַאר אַ פְרוֹי אוּם רֹאשׁ הַשָּׁנָה

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ

יוֹם ד' פַּרְשַׁת כִּי תֵצֵא, י"א אֱלוּל, שְׁנַת תשפ"ב לִפְרָט קָטָן

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן אַייעֶרֶע פְרַאגֶעס. בְּנוֹגֵעַ וואוּ אִיר זָאלְט זַיין רֹאשׁ הַשָּׁנָה וֶוען אֵייעֶר מַאן פָארְט צוּם רֶבִּי'ן קַיין אוּמַאן, עֶנְדֶערְשׁ בַּיי אֵייעֶר מַאמֶע אָדֶער בַּיי אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ? אֵייעֶר מַאמֶע בֶּעט אַייךְ זֵייעֶר צוּ קוּמֶען, אִיר ווִילְט ווִיסְן אוֹיבּ אִיז עֶנְדֶערְשׁ צוּ בְּלַייבְּן מִיט פְרוֹיעֶן נְשׁוֹת אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ, דָארְט וֶועט אִיר גֶעדֶענְקֶען פוּן רֶבִּינְ'ס זַאךְ וְכוּ'. אִיךְ רָאט אַייךְ עֶנְדֶערְשׁ זָאלְט אִיר גֵיין צוּ אֵייעֶר מַאמֶע תִּחְיֶ'; דָאס וֶועט זַיין פַאר אַייךְ דִי גְרֶעסְטֶע זְכוּת בַּיים יוֹם הַדִין, דִי מִצְוָה פוּן מְכַבֵּד זַיין אוּן מְחַיֶ' זַיין עֶלְטֶערְן - אִיז הֶעכֶער פוּן אַלֶעס.

אוֹיף אֵייעֶר פְרַאגֶע, וִוי אַזוֹי נוּצְט מֶען אוֹיס דֶעם גְרוֹיסְן טָאג רֹאשׁ הַשָּׁנָה? וָואס דַארְף מֶען דַאוֶוענֶען? וֶועלְכֶע שְׁטִיקְלֶעךְ זֶענֶען זֵייעֶר וִויכְטִיג? רֹאשׁ הַשָּׁנָה אִיז זֵייעֶר וִויכְטִיג צוּ זַיין פָּאזִיטִיוו; מֶען עֶסְט דִי סִימָנִים אַלֶעס נָאר צוּ גֶעדֶענְקֶען אַז עֶס קוּמְט אַ גוּט יָאר, עֶס גֵייט זַיין גוּט, זִיס וִוי הָאנִיג.

דֶער רֶבִּי זָאגְט (שִׂיחוֹת הָרַ"ן, סִימָן כא) פִיר זַאכְן זָאל מֶען אַכְטוּנְג גֶעבְּן רֹאשׁ הַשָּׁנָה: עֶרְשְׁטְנְס, "שֶׁיַּחֲשֹׁב רַק מַחֲשָׁבוֹת טוֹבוֹת", מֶען זָאל טְרַאכְטְן נָאר גוּט, "שֶׁיֵּיטִיב הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ עִמָּנוּ וְכוּ'", דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער גֵייט זִיכֶער הֶעלְפְן. צְוֵייטְנְס, "צְרִיכִין לִהְיוֹת שָׂמֵחַ בְּרֹאשׁ הַשָּׁנָה", מֶען דַארְף זַיין פְרֵיילִיךְ רֹאשׁ הַשָּׁנָה, אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער גֵייט מַאכְן גְרוֹיסֶע נִיסִים. דְרִיטְנְס, "גַּם צְרִיכִין לִבְכּוֹת בְּרֹאשׁ הַשָּׁנָה", אוֹיךְ דַארְף מֶען וֵויינֶען רֹאשׁ הַשָּׁנָה צוּם בַּאשֶׁעפֶער. פֶערְטְנְס, "בְּרֹאשׁ הַשָּׁנָה בַּיּוֹם הָרִאשׁוֹן", דֶעם עֶרְשְׁטְן טָאג רֹאשׁ הַשָּׁנָה, "צְרִיכִין לְמַעֵט בְּדִבּוּר מְאֹד מְאֹד", זָאל מֶען וָואס וֵוייניגֶער רֶעדְן; אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ פִירְן זִיךְ אַזוֹי, מֶען רֶעדְט נִישְׁט דֶעם עֶרְשְׁטְן טָאג רֹאשׁ הַשָּׁנָה בִּיז נָאךְ תַּשְׁלִיךְ.

מַאמֶעס פוּן קְלֵיינֶע קִינְדֶער וָואס זֶענֶען פַארְנוּמֶען מִיט דִי קִינְדֶער - דַארְפְן נִישְׁט דַאוֶוענֶען. אַז מֶען הָאט צַייט, דִי קִינְדֶער שְׁפִּילְן פַאר זִיךְ אַלֵיינְס, אָדֶער אַז עֶס אִיז דָא עֶלְטֶערֶע קִינְדֶער וָואס קֶענֶען אַכְטוּנְג גֶעבְּן - קֶען מֶען דֶעמָאלְט דַאוֶוענֶען, אוּן אַז נִישְׁט - אִיז מֶען פָּטוּר פוּן דַאוֶוענֶען.

אִיר בֶּעט אַ תְּפִילָּה וָואס צוּ בֶּעטְן רֹאשׁ הַשָּׁנָה, אַזוֹי וֶועט אִיר זַיין רוּאִיג אַז אִיר הָאט אוֹיסְגֶענוּצְט דֶעם טָאג, דָא הָאט אִיר אַ תְּפִילָּה:

**"רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם, הַיינְט רֹאשׁ הַשָּׁנָה מִשְׁפָּט מֶען דִי גַאנְצֶע וֶועלְט, אַלֶעס וָואס גֵייט זַיין דֶעם קוּמֶענְדִיגְן**

<<<<<<

>>>>>> נייעס

פארשטיין.

דער דריטער ניגון איז "שלום בית". דער ניגון זאגט אונז וואס איז אן עובד השם? דער וואס העלפט אין שטוב. ווער איז אן ערליכער איד? דער וואס פירט זיך מיט שלום און מיט ליבשאפט אין שטוב.

דער פערטער ניגון איז "אמונה". דער ניגון זאגט אונז וואס מוהרא"ש האט אונז געלערנט, מיר זאלן חזר'ן אמונה, אלעס איז דער אייבערשטער; דאס באווארניגט פון אלע שרעקעדיגע נייעס וכדומה.

ניגון נומער פינף איז "ממלא כל עלמין". דער ניגון ברענגט ארויס דאס שיינקייט פון לעבן מיט'ן אייבערשטן, ווען מען ווייסט אז דער אייבערשטער איז ממלא כל עלמין וסובב כל עלמין, אין שום מציאות מבלעדיך יתברך כלל, ובכל תנועה ותנועה שם אלופו של עולם. עס איז גארנישט פארהאן אויסער דער אייבערשטן. מוהרא"ש זאגט, דער ניגון וועט משיח זינגען מיט די גאנצע וועלט, יעדער וועט וויסן אז אלעס איז נאר אייבערשטער, די גאנצע בריאה איז אייבערשטער.

דער זעקסטער ניגון איז "תיקון הכללי". דער ניגון שרייט אויס די עצה און תיקון פאר ווער עס איז נעבעך אראפגעפאלן אין פגם הברית, צו זאגן די צען קאפיטלעך תהילים, טז, לב, מא, מב, נט, עז, צ, קה, קלז, קנ; דאס פאררעכט דעם מענטש, מען ווערט אפגעוואשן פון אלעם שלעכטס, מען ווערט ריין.

ניגון נומער זיבן "קינדער". דער ניגון זינגען ערליכע משפחות וואס גייען נאך די תורה און די הייליגע צדיקים; מען גייט נישט נאך די לינקע גאס פון נישט ברענגען קינדער מיט'ן טענה אז מען קען נישט האבן צייט פאר זיך אויב מען האט א גרויסע משפחה, דער ניגון זינגט: "א מחי' א גרויסע משפחה, יעדע קינד ברענגט נאר הצלחה".

ניגון אכט איז "אליינס מיט'ן באשעפער". מענטשן זענען צעבראכן, און זאגן 'איך בין אליין, איך האב נישט קיינעם', מען פארגעסט אז מען איז נישט אליין, מען איז אליינס מיט'ן אייבערשטן, און אז מען איז אליינס מיט'ן באשעפער, מען שמועסט זיך אויס מיט'ן אייבערשטן אליינס, דעמאלט איז אליין א גוטע זאך. מען קען טראכטן שלעכט 'איך בין אליין', מען קען אבער טראכטן טיפער, 'איך בין אליינס מיט'ן באשעפער', דאס איז שוין א גרויסע מדריגה.

דער נײנטער ניגון איז "ש'כח אייבערשטער". דער ניגון איז דער מקור הישועות, ווייל ווען מען זינגט און זאגט: "ש'כח אייבערשטער פאר מיין לעבן, שכוח אייבערשטער פאר מיין ווייב און קינדער" - דאס עפנט אויף די הימלען און עס גיסט ישועות און רפואות; ווי מער מען זינגט "שכוח אייבערשטער", מען רעכנט אויס נאך און נאך פרטים - ווערט מען נענטער צום אייבערשטן. דער רבי זאגט (לקוטי מוהר"ן חלק ב', סימן ב): "כי כל מה שיודעין ומכירין אותו יתברך ביותר", ווי מער מען דאנקט דעם אייבערשטן, "סמוכין אליו ביותר", ווערט מען מער און מער נענטער.

דער צענטער ניגון הייסט "כל הנשמה". דער ניגון רעדט אויך איבער "תודה והודאה", דאנקען און לויבן דעם אייבערשטן אויף יעדע אטעם, אויף יעדע פרט אין לעבן.

עס איז א סידי וואס איז נישטא זיינ'ס גלייכן, אלע ניגונים זענען געבויט אויף די ווערטער פון הייליגן רבי'ן, און מען קען ארויסנעמען דערפון לימודים למעשה, מען חזר'ט מיט זיך אז איך בין נישט אליינס דער אייבישטער איז מיט מיר, מען דאנקט דעם אייבערשטן פאר די גוטס וואס ער געבט אונז, מען הערט נאכאמאל אז מען דארף רעדן שיין צו די ווייב, מען הערט ווי דער ראש ישיבה רעדט פון סדר דרך הלימוד.

אויך מיט די פראפעשאנעליזם האט עס זיך נישט מיט וואס צו שעמען פון אנדערע אלבומס. מען האט נישט געשוינט קיין מיה און פלאג צו אויסקלויבן צום אלבום פון דאס בעסטע און דאס שענסטע וואס איז פארהאן.

דער נייער אלבום איז דא צו באקומען ביי די מפיצים, ווי אויך קען מען עס הערן אויף "קול ברסלב" דורכ'ן דרוקן 1 פאר אידיש, 5 פאר היכל נגינה, 3 פאר לעבעדיגע ניגונים, און דערנאך 4 פאר דעם נייעם אלבום.

**און איך קען זי היילן, די בת מלכה, דורך אלע צען ערליי ניגונים!**

**(סיפורי מעשיות, מעשה י"ג)**

## ביהמ"ד "היכל הקודש" ברסלב

**בליצרקובסקיה 28 - אומאן**

## זמנים לראש השנה תשפ"ג

### שבת פרשת נצבים

זמן הדלקת הנרות.........................6:45
מנחה וקבלת שבת........................7:30
באטע פרייטאג צו נאכטס נאך די סעודה
שחרית.......................................9:30
קידושא רבה מיט סיפורי מעשיות נאכ'ן דאווענען
מנחה ושלש סעודות........................7:00
זמן מוצאי שב"ק............................8:06

### ערב ראש השנה

סליחות מוצאי שב"ק ליל זכור ברית....1:00
פדיון נפש נאך סליחות
שחרית ערב ראש השנה...................8:00
פדיון נפש נאך שחרית

### ראש השנה

זמן הדלקת הנרות.........................6:30
מנחה......................בזמן הדלקת הנרות
שחריתביידע טעג..........................8:00
תקיעת שופר דרשה.......................12:00
תשליך.......................................5:00
מנחה ביידע טעג...........................6:00
דרשה ביידע טעג...........................6:30
זמן מוצאי יו"ט.............................8:00

<<<<<< שו"ת ברסלב

יָאר, אַלֶעס שְׁרַייבְּסְטוּ הַיינְט אָפּ. בְּכֵן בֶּעט אִיךְ דִיר, שְׁרַייבּ מִיר אָפּ אַ גוּטֶע יָאר, אַ זִיסֶע יָאר, אַ גֶעזוּנְטֶע יָאר – פַאר מִיר, פַאר מַיין מַאן אוּן קִינְדֶער, אוּן פַאר אַלֶע אִידְן. גֶעבּ מִיר כֹּחַ צוּ זַיין אַ גוּטֶע וַוייבּ אוּן אַ גוּטֶע מַאמֶע, גֶעבּ מִיר כֹּחַ פַאר מַיינֶע קִינְדֶער, גֶעבּ אוּנְז שֶׁפַע אוּן נַחַת פוּן דִי קִינְדֶער.

הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער, אִיךְ הָאבּ גֶעשִׁיקְט מַיין מַאן קַיין אוּמַאן צוּם הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן, וַוייל דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי רַבֵּינוּ נַחְמָן בֶּן פֵיגָא הָאט גֶעזָאגְט, וֶוער עֶס גְלֵייבְּט אִין אִים זָאל קוּמֶען צוּ אִים אוֹיף רֹאשׁ הַשָּׁנָה; הֶעלְף מִיר, מַיין מַאן אוּן מַיין גַאנְצֶע מִשְׁפָּחָה מִיר זָאלְן הָאבְּן אַ גוּטֶע יָאר, אַ יָאר פוּן שָׁלוֹם, אַ לֶעבְּן פוּן לִיבְּשַׁאפְט, אַ לֶעבְּן פוּן מְוַותֵּר זַיין אֵיינֶער פַאר'ן צְוֵוייטְן, אַ לֶעבְּן מִיט צַדִּיקִים; גֵיין אִין דִי וֶועג פוּן צַדִּיקִים, פָאלְגְן אַ צַדִיק.

הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער, הָאבּ שׁוֹין רַחֲמָנוּת אוֹיף אִידִישֶׁע קִינְדֶער, שִׁיק אוּנְז שׁוֹין מָשִׁיחַ צִדְקֵינוּ זָאל אוּנְז אוֹיסְלֵייזְן אוּן אוּנְז אוֹיפְבּוֹיעֶן דֶעם בֵּית הַמִקְדָשׁ".

(עֲצָתוֹ אֱמוּנָה תֵּצֵא תשפ"ב)

נייעס אינערהאלב מוסדותינו הק'

# שאטעלס צום ציון אין אומאן וועט אנגיין אויך היי יאר

## צוגעשטעלט דורך די "רענט קאמפיין"

### נדבת מו"ה אלי קנאלל הי"ו - "פלען איט רייט" 845-678-3555

טראץ דעם וואס היי יאר קומט אן שווערער צוזושטעלן די שאטעלס, צוליב די מצב אין אוקריינע ווען עס זענען דא ווייניגער ארבייטער, ווייניגער ספרינטערס, און די געז איז אסאך טייערער, מיט דעם אלעם איז געלונגען פאר די איבערגעגעבענע עסקנים פונעם רענט קאמפיין, מו"ה שבתי מארקוס הי"ו און מו"ה אשר יעקב אינדארסקי הי"ו, אנצוהאלטן די שאטעל ספרינטערס, כדי אז אנשי שלומינו זאל קענען קומען און גיין פון און צום הייליגן ציון שנעלערהייט אין די וואכנטעג וואס מען וועט בעז"ה ווילן אין אומאן.

ברוך השם, אז נישט נאר וואס מען איז עס ממשיך ווייטער נאר מען האט נאך צוגעלייגט נאך א ווען, און היי יאר וועלן זיך געפונען דריי ספרינטער ווענס אויפ'ן ראוד וואס וועלן כסדר צירקולירן אהין-און-צוריק במשך די גאנצע צייט, דער ערשטער ווען וועט בעז"ה ארויספארן פונעם בנין היכל הקודש טעגליך אום 5:00 פארטאגס תיכף ווי נאר די נאכט קורפיו ווערט געענדיגט, און 5:20 וועט בעז"ה ארויספארן דער צווייטער, און 5:40 דער דריטער, און אזוי וועט דער סדר ווייטער אנהאלטן בעז"ה אין אלע שעות פון טאג, און די זעלבע זאך וועט דער ערשטער ספרינטער שוין ווארטן ביים באשטימטן ווינקל נעבן הייליגן ציון אום 5:00 פארטאגס צום בנין היכל הקודש, דער צווייטער אום 5:20, און דער דריטער אום 5:40, אזוי וועט עס אנהאלטן בעז"ה במשך אלע שעות פון טאג, ביז אום 10:40 ווען די לעצטע ווענס וועלן ארויספארן.

אזוי ווי די קאסטן זענען היי יאר גאר שטארק געשטיגן, האט די באקאנטע רייזע אגענטור וואס איז שוין גוט באקאנט פאר אנשי שלומינו "פלען איט רייט" זיך אונטערגענומען צו ספאנסערן די שאטלס. אנשי שלומינו זענען גאר דאנקבאר פאר די איבערגעגעבענע פירמע "פלען איט רייט" וואס יומם ולילה לא ישבותו און געבן זיך איבער פאר אלע געברויכן צו ברענגען אנשי שלומינו קיין אומאן און צושטעלן אלעס וואס פעלט זיך אויס, סיי טיקעטס צום פליען, און אזוי אויך צוליב דעם לאנגען וועג שטעלן זיי צו אלע געברויכן אויפ'ן גאנצן וועג פון די עירפארטס ביז אומאן און צוריק. יעצט האבן זיי צוגעלייגט א פרישע סערוויס מיט'ן ספאנסערן די פארברייטערטע פלאטע פון ספרינטערס וואס וועלן טראגן און ברענגען אנשי שלומינו אין אומאן גופא.

די "רענט קאמפיין" געבט איבער אז זיי וועלן בעזרת השם אויך צושטעלן אין אומאן שטרות פרוזבול אז מען זאל קענען אויספילן דעם שטר וואס די הלכה פארלאנג אז מען דארף אונטערשרייבן ביים סוף פון יעדע שמיטה יאר, אזוי אז אפילו אויב איינער איז דיר שולדיג געלט זאל מען עס נאך מעגן צוריק בעטן.

אלע אנשי שלומינו זענען שטארק מכיר טוב פאר די איבערגעגעבענע עסקנים פונעם רענט קאמפיין וואס מאכן זיכער בסייעתא דשמיא אז די רענט פון די הייליגע ישיבה אין וויליאמסבורג ווערט פולקאם באצאלן יעדע חודש. דער בית המדרש וואס פון דארט גייט ארויס די הייליגע דיבורים פון הייליגן רבי'ן דורכ'ן ראש ישיבה, אין צוגאב צו די רענט פון נאך פילע בניני המוסדות, און מיט דעם נעמען זיי אראפ דעם פינאנציעלן עול פון ראש ישיבה, אז ער זאל קען אויסנוצן די טייערע צייט מיט'ן פירן די קהילה, מוסדות, און זיך אפגעבן מיט אנשי שלומינו און מיט הפצה, דרשות, ספרים, עצות און חיזוק. אזוי אויך זינט אנשי שלומינו האבן געגרינדעט דעם נייעם בית המדרש אין בארא פארק, האבן זיי זיך אונטערגענומען אויפ'ן בקשה פונעם ראש ישיבה צו באצאלן די רענט פונעם מקדש מעט.

אנשי שלומינו וועלן זיכער אנטקעגן קומען די עסקנים און מנדב זיין מיט א ברייטע האנט פאר'ן רענט קאמפיין, און מיט דעם נעמען א חלק אין אלע גוטע מעשים וואס קומט ארויס דערפון.

**הראש השנה שלי עולה הכל, איש כל יעדר!**

***

# ערשינען בעזר ה': נייער אלבום "איך בין נישט אליין"

מיט גרויס שמחה נעמען אויף אנשי שלומינו די נייעס אז דער נייער אלבום "איך בין נישט אליין" איז שוין ארויסגעקומען. דאס איז שוין די פערטע אין די סעריע פון "טאנץ מיט אמונה" אלבומס, די ניגונים זענען נישט סתם ניגונים, דאס זענען ניגונים פון התבודדות; רוב ניגונים זענען געמאכט געווארן ביים שמועסן מיט'ן אייבערשטן, און בשעת'ן בענקען צום אייבערשטן.

די נייע סידי "איך בין נישט אליין" האט צען ניגונים, הערליך אראפגעזינגען דורכ'ן ראש ישיבה שליט"א אין באגלייטונג פון גאר פראפעסיאנאלע מוזיק, מענער און קינדער כארס, און אלע ניגונים זענען פול מיט חיזוק אויף אלע נקודות וואס מען לערנט אין היכל הקודש.

דער ערשטער ניגון "תפילה". דער ניגון דערמאנט אז מען זאל וויסן אז עס איז דא מיט וועם צו שמועסן, "דער באשעפער הערט מיך אויס, איך בין נישט אליין, איך האב וואו צו גיין, דער באשעפער הערט מיך שטענדיג אויס".

דער צווייטער ניגון איז "תורה". דער ניגון איז געבויט אויפ'ן שיחה אין שיחות הר"ן, סימן ע"ו; דאס גרויסקייט פון לערנען, "אין צריכין בלימוד רק האמירה", דער עיקר איז לערנען, זאגן די ווערטער פון תורה, אפילו אן

<<<<<<

## ביהמ"ד היכל הקודש ברסלב

נתייסדה ע"י כ"ק מוהרא"ש זי"ע - בנשיאות ראש הישיבה שליט"א

# זמן אמירת סליחות

## מוצאי שב"ק פ' תבא

### בשעה 1:00

## אתרוגי ברסלב

מו"ה בנציון יאקאבאוויטש 347-585-9054

מו"ה יחזקאל שארף 917-936-6079

**מיט'ן אייבערשטנ'ס הילף וועט זיין צו באקומען ד' מינים**

**קרית ברסלב** 181 Huschke Rd.

זונטאג מאנטאג און דאנערשטאג האזינו, מנחה מעריב

**וויליאמסבורג** 27 Skillman St.

נאך די וועכנטליכע שיעור פון ראש ישיבה שליט"א

## סימן טוב ומזל טוב

החתן **גדלי'** בן מו"ה **אייזיק אפפעל** הי"ו

**צו זיין שמחה למזל טוב עב"ג**

אנשי שלומינו האבן א שטארקע הכרת הטוב פאר **ר' אייזיק הי"ו וזוגתו תחי'** פאר אלעס וואס זיי טוען אזויפיל פאר יעדן איינעם, ובפרט מיט'ן צושטעלן און מסדר זיין די חתונות אויפ'ן שענסטן פארנעם, און פאר גענצליך אומזיסט. די זכותים זאלן זיי ביישטיין, צו זען אסאך אידיש נחת געזונטערהייט מיט כל טוב וטוב

***

מו"ה **ליפא שווארץ** הי"ו

**צו די אפשערן פון זיין אינגל מענדי נ"י למז"ט**

**ר' ליפא** איז גאר שטארק איבערגעגעבן פאר די מוסדות בכלל און פאר יעדן פון אנשי שלומינו בפרט, די זכותים זאלן אים ביישטיין, ער זאל זען אסאך אידיש נחת פון דעם קינד און פון אלע זיינע קינדער געזונטערהייט

***

מו"ה **נחמן נתן בוים** הי"ו

**צו די געבורט פון א מיידל למזל טוב**

## די הייליגע טעג

**דרשות, שיעורי תורה, ניגונים, נוסח, מעשיות פאר קינדער, און נאך; אויף די הייליגע טעג ראש השנה, יום כיפור, און סוכות**

**> קול ברסלב <**

**212-444-9191**

**1, 1, 9**

## חיזוק צום טיר

**איר קענט באקומען אלע ספרי ברסלב, קונטרסים, "עצתו אמונה", דרשות, ניגונים, סידי'ס, USB'ס, SD'ס, און נאך; דעליווערט צו אייער טיר!**

רופט אריין מיט אייער פארלאנג צו

**347-509-4908**

**און מיר וועלן פרובירן בעז"ה עס צו שיקן צו אייך אהיים**

**קול ברסלב - שיעורים; חיזוק יומי; ניגונים; מעשיות פון תפלה; און נאך**

845-351-0910 / 212-444-9191

ארץ ישראל 0797040066 / ענגלאנד 03303502361 / קאנאדא 438-300-8080

בעלגיע 3235003461 / ארגענטינא 1152354370

צו באקומען דעם גליון אויף אימעיל **breslevcenter@gmail.com**

**קוואל פון חיזוק (פרויען) - שיעורים; מעשיות פון תפלה; רעספפיס; און נאך**

845-351-9060 /212-444-9169

ארץ ישראל 0797040069 / ענגלאנד 03303502363/ קאנאדא 438-320-9090

בעלגיע 3235003462 / ארגענטינא 1152354380

חיזוק יומי אימעיל **chizikyomi@gmail.com/** טעלעפאן מעסידזשינג **347-630-2876**

הפצת הגליון בבארא פארק נתנדב ע"י מו"ה יקותיאל יהודה איינהארן הי"ו להצלחה בכל הענינים. שמואל פנחס בן ציפורה לרפואה שלמה בקרוב

< BreslevCenter.com >